UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Eltern Zikh In A Kibuts / Aging in a Kibbutz

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/5q03r168

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

Author
Hanach Silver, Khanekh Silber /

Publication Date
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

חנוך סילבער / קיבוץ אורים, ישראל

# עלטערן זיך אין אַ קיבוץ

## הקדמה

„אַל תשליכני לעת זקנה; ככלות כחי אַל תעזבני" (תהלים עא:ט). דאָס איז אַ תּפילה פון אַן עלטערן מענטשן וועלכער בעט ביים רבונו של עולם צו ראַטעווען אים פון זיינע שונאים וועלכע פאַרפאָלגן אים און זוכן צו טאָן אים שלעכטס. אין דעם דאָזיקן פּרק געפינען מיר, אַחוץ לויבגעזאַנגען פאַר דעם אויבערשטן, צוויי הויפּט־געדאַנקען וועגן די נויטן פון זקן. דער ערשטער געדאַנק איז, אַז ווען די כוחות לאָזן זיך אויס זאָל מען אים ניט פאַרלאָזן און אַוועקוואַרפן. אין היינטצייטיקע טערמינען הייסט עס — זאָרג פאַר לעבנס־מיטלען און מעדיציניש הילף. דער צווייטער געדאַנק האָט צו טאָן מיט זיינע פּסיכאָלאָגישע נויטן. דער בעטער, וועלכער איז שטענדיק געווען אַ ירא־שמים און אַ געלערנטער, פילט אַז דער יונגער דור האָט אים אָגעוואָרפן און אַז זיינע אַמאָליקע דערגרייכונגען ווערן ניט אָגעשאַצט און מען רעכנט זיך ניט מיט זיי. דעריבער בעט ער: „אַל אבושה לעולם"—לאָמיר קיין מאָל ניט פאַרשעמט ווערן (פּסוק א), און תרב גדולתי ותיסוב תנחמני" — דו זאָלסט (ווידער) גרויסמאַכן מיין כבוד און ווידער פאַרשטאַרקן מיין געמיט. (פּסוק כא).

דער ספר תהילים איז אָנגעשריבן געוואָרן אומגעפער מיט 2500 יאָר צוריק. שוין דאַמאָלסט האָט די יידישע טראַדיציע גוט פאַרשטאַנען די דאגות פון עלטערן מענטשן פאַר קיום און פאַר זיינע פּסיכאָלאָגישע נויטן צו אָנהאַלטן זיינע געפילן פון זעלבסט־ווערט. ס'איז כדאי דאָ צו דערמאָנען אַ צווייטע טראַדיציע לויט וועלכער דער זקן איז געווען דער חכם, דער געלערנטער, דער מנהיג פון קהל. ס'פאַרשטייט זיך, אַז דער סאָרט זקן איז שטענדיק געווען אַ קליינע מינאָריטעט פון די עלטערע לייט.

* * * * *

## די לאַגע אין לאַנד

דער צוועק פון מיין מאמר איז צו באַהאַנדלען די פראַגע ווי דער קיבוץ אין ישראל פּרובירט ענטפערן אויף די פּראָבלעמען און נויטן פון די קשישים (עלטערע מענטשן).

צוערשט אָבער עטלעכע סטאַטיסטישע דאַטן. פון דער דריי־מיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד זיינען אומגעפער אַ פערטל מיליאָן קלאַסיפיצירט אַלס זקנים, ד"ה, 65 יאָר און עלטער. לויט אַ שטודיע פון 1971, וואָס האָט אַרומגענומען די דריי גרויסע שטעט (תל אביב, ירושלים, חיפה) האָבן 76% פון די פאַרהייראַטע פאָרלעך געוווינט צוזאַמען און 26% באַזונדער. פון די אומפאַרהייראַטע (אָבער באַאַלמנטע) האָבן העלפט געוווינט אַליין און העלפט מיט אַנדערע.

אין 1974 זיינען געווען אין ישראל 6500 בעטן אין פאַרשיידענע מושבי זקנים, אָדער ווי מען רופט זיי דאָ, בתי אָבות. די דאָזיקע צאָל בעטן זיינען צעטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס לויט דעם געזונט־צושטאַנד פון די זקנים:. די „געזונטע" (אָדער אַמבולאַטאָרישע), די „שוואַכע", און די וואָס נייטיקן זיך אין שטענדיקער באַזאָרגונג. אַ פּלאַניר־קאָמיטעט, וואָס נעמט אַרום אַלע פאַראינטערעסירטע אָרגאַניזאַציעס און רעגירונגס אָפּטיילונגען האָט אויסגערעכנט אַז אין יאָר 1980 וועט די צאָל בעטן איצט (1974) פאַר די געזונטע זקנים איבערשטייגן די נאָכפראַגע פאַר אַזעלכע בעטן מיט גאַנצע 1000. דאקעגן, וועלן אין 1980 אויספעלן גאַנצע 2000 בעטן פאַר די „שוואַכע" זקנים, און אַ טויזנט וועלן אויספעלן פאַר די וואָס נייטיקן זיך אין שטענדיקער באַזאָרגונג.

## אין די קיבוצים

די קיבוצים זיינען אָרגאַניזירט אין עטלעכע פעדעראַציעס: איחוד הקבוצות והקיבוצים, הקיבוץ המאוחד (די צוויי באַ־

לאַנגען פּאָליטיש צו דער אַרבעטער פּאַרטיי); הקיבוץ הארצי (דער לינקער פליגל וואָס באַלאַנגט פּאָליטיש צו מפּ"ם); צוויי רעליגיעזע פעדעראַציעס, און די ציוניסטישע יוגנט פעדעראַציע. אין 1963 האָבן די זעקס פעדעראַציעס געשאַפן דעם ברית התנועה הקיבוצית פאַר אַלע ענינים וואָס קאָנען אָנגעפירט ווערן בשותפותדיק. דאָס שליסט איין די „אָפּטיילונג פאַר קשישים און עלטערע חברים.“ עס זיינען דאָ אַרום 240 קיבוצים פון אַלע שטרעמונגען מיט אַ טאָטאַלער באַפעלקערונג פון אַרום הונדערט טויזנט מענטשן.

די דאָזיקע באַפעלקערונג קאָן איינגעטיילט ווערן אין אומגעפער גלייכע צאָלן, לויט דער צייט־פעריאָד ווען זיי זיינען געגרינדעט געוואָרן: א) אַלטע קיבוצים, געגרינדעט פאַר 1930; ב) מיטל־יעריקע קיבוצים געגרינדעט צווישן 1930 און 1948, און ג) יונגע קיבוצים געגרינדעט זינט 1948. אין 1970 האָבן די קשישים (65 יאָר און העכער) מיט זיך פאָרגעשטעלט 4.3% פון דער מיטגלידערשאַפט אין די אַלטע קיבוצים, און 1% פון די חברים אין די מיטל־יעריקע קיבוצים. אָבער זינט דאַן וואַקסט די פּראָפּאָרציע פון די קשישים זייער שנעל, און מען איז זיך משער אַז אין 1980 וועלן די ציפערן דערגיין ביז 15.4% אין די אַלטע קיבוצים און ביז 9.8% אין די מיטל־יעריקע קיבוצים.

די דאָזיקע אייגנאַרטיקע דעמאָגראַפישע דערשיינונג דערקלערט זיך דערמיט וואָס אַ קיבוץ ווערט געגרינדעט פון אַ צאָל יונגע לייט, וועלכע זיינען אומגעפער פון דעם זעלביקן עלטער. ס'קומען טאַקע אָן נייע חברים און אַנדערע פאַרלאָזן, אָבער קיין גרויס ווירקונג אויף דער אַלגעמיינער דעמאָגראַפישער בילד האָבן זיי ניט. אַזוי קומט אויס אַז די חברים דערגרייכן דעם הויכן עלטער אין דער זעלבער צייט. אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג האָט עס גענומען 80 יאָר ביז די קשישים האָבן אַרומגענומען ביז 14% פון דער באַפעלקערונג, אין די קיבוצים וועט עס דויערן וואָסערע צען יאָר.

* * * * *

## עקאָנאָמישע און מעדיצינישע נויטן

די פאַרצויזישע שרייבערין, סימאָן דע באָוואַר, שרייבט אין איר בוך „די עלטער“: „נאָר יענער וואָס האָט געלט קאָן אין אונדזער געזעלשאַפט דערגרייכן אַ גליקלעכן לעבן.“ מ'קען מחולק זיין וועגן דעם דאָגמאַטישן טאָן אין וועלכע דער זאַץ איז געשריבן, נאָר עס קאָן קיין צווייפל ניט זיין אַז די הויפּט־דאגה פון דער זקנים באַפעלקערונג איז די זאָרג פאַר עקאָנאָמישער זיכערקייט. די מורא און פחד פאַר דעם אָנקומענדיקן עלטער רעפלעקטירן דעם פאַקט וואָס אַ באַדייטנדיקער טייל פון די זקנים זיינען אָרעמע לייט אָדער אויף דער גרענעץ פון אָרעמקייט וואָס שייך הכנסה. די פּראָבלעם איז פולשטענדיק געלייזט געוואָרן פאַר די וואָס לעבן אין קיבוצים. דער קיבוץ־חבר(ה), סיי ער איז אַ מיטגליד פון קיבוץ, סיי ער וווינט דאָרטן ווייל זיין זון אָדער טאָכטער זיינען דאָרט מיטגלידער, האָט ניט קיין עקאָנאָמישע דאגות; זיינע באַדערפעניש, וואָס שייך אַ וווינונג, עסן און קליידונג, זיינען געדעקט פונקט ווי די זעלביקע נויטן פון אַלע קיבוץ מיטגלידער.

דאָס זעלביקע קאָן געזאָגט ווערן אויף די נויטן אין געביט פון געזונט. קיבוץ חברים זיינען פאַרזיכערט אין קופּת חולים און באַקומען מעדיצינישע באַהאַנדלונג אין וועלכער זיי בייטיקן זיך אָנהייבנדיק מיט אַמבולאַטאָרישער דינסט און ענדיקנדיק מיט שפּיטאָל און ספּעציאַליסטן קאָנסולטאַציעס. אין מערסטע קיבוצים (עס ווענדט זיך אָן דער גרויס פון קיבוץ), זיינען דאָ אַ דאָקטער און אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער.

עס פאַרשטייט זיך אַז עס זיינען דאָ פעלערן אין דער אָרגאַניזירונג און אַדמיניסטראַציע פון דעם געזונט וועזן אין לאַנד. דאָס זיינען אָבער אַלגעמיינע פּראָבלעמען וואָס עקזיסטירן לגבי דער גאַנצער באַפעלקערונג, ניט נאָר די זקנים. בלויז אין איין פונקט קאָן מען זאָגן אַז די קשישים ליידן מער ווי די יינגערע, און דאָס איז דער מאַנגל אין שפּיטאָל־בעטן פאַר די שוואַכע זקנים און די וואָס נייטיקן זיך אין שטענדיקער באַזאָרגונג (די כראָנישע קראַנקע).

## לא על הלחם לבדו יחיה האדם

ערשט ווען די יסודותדיקע פיזישע באַדערפענישן זיינען געליזט געוואָרן פילט דער זקן אַז „לחם לאכול ומים לשתות" זיינען ניט גענוג, אַז די פולע באַפרידיקונג פון מענטשנס גייסטיקע נויטן זיינען פונקט אַזוי וויכטיק. אויפן שפּיץ פון די גייסטיקע נויטן איז אַרבעט, און אויף דעם דאָזיקן געביט גיט די קיבוצישע געזעלשאַפט די ברייטסטע מעגלעכקייטן.

די קיבוץ באַוועגונג האָט אָנגענומען דעם פּרינציפּ אַז דער אַרבעטס טאָג פון 8 שעה דאַרף פאַרקלענערט ווערן ווען דער חבר עלטערט זיך. צו 50 יאָר אַרבעט ער שוין 7 שעה אַ טאָג, צו 55 — 6 שעה, צו 60 יאָר בלויז 5 שעה, און צו 65 בלויז 4 שעה אַ טאָג. פאַר פרויען הייבט זיך אָן די שטונדע פאַרקלענערונג צו 45 יאָר. נאָך דעם 70טן יאָר איז אַרבעט אַ פּריווילעגיע אָבער ניט קיין פליכט. דער חבר מעג באַשליסן ווייטער צו אַרבעטן אָדער אין גאַנצן אויפהערן. אינטערעסאַנט איז אַז אין אַן אַנפראַגע אין 1968 איז ניט געווען קיין איין קיבוצניק וואָס האָט אין גאַנצן אויפגעהערט צו אַרבעטן צוליב זיין עלטער, סיידן זיין געזונט האָט עס ניט דערלויבט.

דאָס באַווייזט ווי טיף עס איז איינגעוואָרצלט אין אונדז די באַדערפעניש צו אַרבעטן, צו זיין נוצלעך, צו פילן אַז מען איז ניט קיין „דאַרמאַיעדניק". די פאַרשפּרייטונג פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין קיבוצים האָט געשאַפן נייע באַשעפטיקונגס מעגלעכקייטן פאַר עלטערע מענטשן, באַשעפטיקונגען וואָס מען קאָן טאָן זיצנדיק און וואָס פאָדערן ניט קיין פיזישע אָנשטרענגונג. היינט, ווען אַ קיבוץ פאַרהאַנדלט פלענער פאַר אינדוסטריאַליזאַציע איז די פראַגע אויב דער פּלאַן וועט מעגלעך מאַכן אַרבעט פאַר עלטערע חברים איינע פון די הויפּט פראַגן וואָס דער קיבוץ דאַרף באַהאַנדלען.

## פּ ע נ ס י ע ס

יאָרן-לאַנג האָט די קיבוץ-באַוועגונג באַטראַכט פּענסיעס פאַר עלטערע מענטשן ווי אַ געווונטשענע זאַך פאַר דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט אָבער ניט פאַר קיבוץ חברים. צו וואָס אייגנטלעך דאַרף אַ קיבוצניק פּענסיעס ווען אַלע זיינע באַדערפענישן זיינען באַזאָרגט דורך דער קיבוץ געזעלשאַפט?

היינט צו טאָג האָט זיך די שטעלונג צו דער פראַגע געענדערט. דער פּסיכאָלאָגישער אַספּעקט פון פּענסיעס האָט באַקומען אַ העכערע וואָג. דער באַגער פון זקן צו פאַרבלייבן אומאָפּהענגיק, וואָס איז אַזוי קלאָר אנערקענט געוואָרן אין דער פראַגע פון אַרבעט, האָט באַאיינפלוסט דעם צוגאַנג צו פּענסיעס. אַן עלטערער חבר, וועמעס אַרבעטס טאָג האָט זיך פאַרקלענערט אָדער וועלכער האָט זיך אין גאַנצן צוריקגעצויגן פון אַרבעט, וועט זיך פילן ווי אַן איינטיילנעמער אין דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס דורך דעם וואָס ער וועט קאָנען ביישטייערן פון זיינע אָנגעקליבענע שפּאָר-מיטלען. אויך וועט די פּענסיע געבן דעם זקן אַ פרייערע מעגלעכקייט צו באַשטימען אויב ער וויל פאַרבלייבן אין קיבוץ אָדער ניט.

צוויי קיבוץ פעדעראַציעס (איחוד און מאוחד) האָבן עטאַבלירט אַ געמיינשאַפטלעכן פּענסיע-פאָנד פאַר זייערע חברים דורך פּעריאָדישע אָפּצאָלונגען, פון וועלכע דער חבר וועט באַקומען אַ מאָנאַטלעכן טשעק ווען ער דערגרייכט דעם עלטער פון 65 יאָר. דער קיבוץ ארצי האָט אויך געשאַפן זיין אייגענעם פאָנד. ביידע פאָנדן דערלויבן די טראַנספערירונג פון אַ געגעבענעמס חברס איינצאָלונגען צו אַן אַנדער קיבוץ אָדער אַ צווייטן פּענסיע-פאָנד ווען דער חבר בייט זיין וווינאָרט.

## קולטורעלע און פאַרוויילונגס טעטיקייטן

עלטערנדיקע און אַלטע חברים באַטייליקן זיך אין אַלע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען פון קיבוץ אָפּגעזען פון זייער עלטער. זיי נעמען אנטייל אין קורסן, פאַרטראַגן, קאָנצערטן, פאַרשטעלונגען, ק י ב אָ, עקסקורסיעס, ספּאָרט, ימים-טובים — אַלץ לויט זייער אינטערעס און צופּאַסונג. אַזוי ווי געוויסע קשישים קאָנען זיך ניט צופּאַסן צו די

פאַדערונגען פון אַ געוויסער אונטערנע־מונג (למשל, ווען די געפלאַנטע עקסקור־סיע פאַדערט צייט אַדער פיזישע אָנ־שטרענגונג, וואָס זיינען איבער זייערע כוחות, אַדער צוליב זייער שוואַכער באַ־קאַנטשאַפט מיט עברית) אַראַנזשירן טייל קיבוצים ספּעציעלע עקסקורסיעס פאַר די זקנים. דאָס פאַדערט שוין אָבער באַזונ־דער אויפמערקזאַמקייט מצד די קולטור אַדער ספּעציעלע קאָמיטעטן.

אין די לעצטע פאַר יאָר האָבן זיך אָנ־געהויבן מערקן סימנים פון דער ספּעצי־עלער אויפמערקזאַמקייט. אַרום פופצן קיבוצים האָבן געעפנט זייערע קלובן („מועדון לחבר") צו פאַרזאַמלונגען, איין מאָל אַדער צוויי מאָל אַ וואָך, פאַר עלטע־רע חברים. ביי די פאַרזאַמלונגען זיינען דאָ: דערקלערונגען וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אָפּ אין קיבוץ, וואָס קומט פאָר אין דעם פּאָליטישן אַדער עקאָנאָמישן לעבן אין דער מדינה; געבורטסטאָג „פּאַר־טיס" מיט דער באַטייליקונג פון דער משפּחה פון דעם חבר אַדער חברה; פאַר־טראַגן מיט „סליידס" וועגן נסיעות אין חוץ לארץ; לעקציעס אויף פאַרשיידענע טעמעס. אַרום 600 חברים באַטייליקן זיך אין די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען.

עס איז נאָך דערוויל צו פרי צו ציען ענדגילטיקע מסקנות וועגן דער „ספּע־ציעלער" טעטיקייט (עס זיינען דאָ פאַר־שיידענע אידעאָלאָגישע און פילאָסאָפישע טענות קעגן איר). נאָר ס'איז קלאָר, אַז זי ענטפערט אויף די בויטן פון אַ געוויסן עלעמענט פון די קשישים: די עלנדע וועלכע באַזוכן ניט קיין פריינד, די וועלכע האָבן אויפגעהערט צו באַטייליקן זיך אין אַלגעמיינע קיבוץ פאַרזאַמלונגען. פאַר דעם דאָזיקן עלעמענט איז די קלובן פּראָ־גראַם אַ גרויסער טראַט פאַרויס אין פאַר־קלענערן די מינדערווערטיקייט געפילן וואָס הייבן זיך אָן אַנטוויקלען ביי דעם קשיש און פאַרשטאַרקט זיין זעלבסט־ווירדע.

## פּערסאָנאַל

מיט אַ צען יאָר צוריק האָט די קיבוץ באַוועגונג אָרגאַניזירט אַ קורס פאַר אַ ניי־עם סאָרט פּראָפעסיאָנאַל — מטפּלת קשי־שים — די וואָס פאַרנעמען זיך מיט על־טערע לייט אין די קיבוצים. דער קורס דויערט 13 וואָכן. צוויי דריטל פון דער צייט פאַרברענגען די תלמידות אין אַ שפּיטאָל פאַר כראָנישע קראַנקייטן, דריי וואָכן אין אַ בית־אבות פון מלב"ן (דזשוינט), און צוויי וואָכן אין קלאַסן פאַר געראָנטאָלאָגיע אין אַלגעמיין.

אַרום 100 חברות האָבן ביז איצט פאַר־ענדיקט דעם קורס און אַלע אַרבעטן אויף דעם געביט אין זייערע קיבוצים. אַ גרוי־סער טייל פאַרנעמען זיך מיט איינעם אַדער צוויי קשישים אויף אַן אינטענסיוון אופן, אַנדערע גיבן אָפּ אַ גרויסן טייל פון זייער צייט צו קראַנקע עלטערע חברים, וועלכע האָבן ניט קיין קרובים אין קיבוץ, און אַנדערע ווידער פאַרנעמען זיך טייל־ווייז מיט קלוב־טעטיקייט.

## סומירונג

1. די קיבוץ באַוועגונג איז עטוואָס עלטער פון 60 יאָר. זי האָט דערפאָלגרייך געלייזט די מאַטעריעלע באַדערפענישן פון אירע עלטערנדיקע און אַלטע חברים.

2. אין קיין שום אַנדער געזעלשאַפט אין דער אינדוסטריעלער וועלט איז די טיף איינגעוואָרצלטע נויט פון אַרבעטן ניט פאַרענטפערט געוואָרן אַזוי פולקאָמען ווי אין קיבוץ.

3. מענטשן עלטערן זיך, ניט לויט זייערע כראָנאָלאָגישע יאָרן, און זייערע פיזישע און פסיכאָלאָגישע באַדערפענישן בייטן זיך פון צייט צו צייט. דער קיבוץ טוט אַלץ וואָס איז מעגלעך צו באַדינען דעם קשיש אָן דעם אַז ער זאָל דאַרפן בייטן זיין וווינפּלאַץ און זיין באַקאַנטע סביבה, וואָס, ווי באַוווּסט, באַווירקט זיין עמאָציאָנעלן אופן אויף ערגערס.

4. די פּראָפּאָרציע פון קשישים אין דער קיבוצישער באַפעלקערונג איז דער־ווייל רעלאַטיוו נידעריק, און זייערע ספּע־ציעלע בויטן אויף דעם געביט פון קולטור און פאַרוויילונג און די ספּעציעלע אויפ־מערקזאַמקייט וואָס זיי פאַדערן זיינען נאָך דערוויל ניט אויף דעם ערשטן פּלאַץ פון קיבוצישן באַוווּסטזיין. אָבער די ערשטע שריט אויף דעם וועג צו דער דאָזיקער אויפמערקזאַמקייט זיינען שוין געמאַכט געוואָרן.